וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת שופטים, ב' אלול תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"ג

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................7:30
מוצאי שבת.......................9:00

## א מעשה פון תפילה

### יוסי שניצלער

איין טאג האב איך זיך געטראפן מיט א לאך ביי איינע פון די רעדלעך פון מיין קאר, עס איז שוין געווען סוף טאג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך קענען טרעפן איינער וואס קען מיר דאס נאך היינט פאררעכטן און נישט דארפן מארגן אנהייבן זוכן ווער עס קען מיר פאררעכטן, שכח אייבערשטער אז נאך אין דעם זעלבן טאג האב איך איינעם געטראפן וואס האט מיר עס געקענט פאררעכטן.

### אינגל קעמפ

די בית הכסא ביי די קינדער האט זיך פארשטאפט, מען האט עס פראבירט אויפצושטאפן אבער עס האט גארנישט געהאלפן, אלע קינדער צוזאמען מיט'ן מלמד האבן געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך פאררעכטן ווי שנעלער, מען זאל נישט דארפן זיך מוטשען און צאלן געלט עס צו פאררעכטן, און נישט דארפן גיין זיכן יעצט א פלאץ ווי ארויסצוגיין, שכח אייבערשטער ביז א קורצע צייט האט עס אנגעהויבן ארבעטן פון זיך אליין אן דארפן רופן איינעם עס צו פאררעכטן.

### בנצי יאקאבאוויטש

א) איך האב געבארגט א שטיקל וואס העלפט מען זאל קענען פילטערן די מקוה, איין טאג זעה איך אז די שטיקל איז פארלוירן, איך האב עס געזוכט א שטיק צייט און נישט געטראפן, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען טרעפן און צוריק געבן, שכח אייבערשטער אז איין טאג קלינגט מיר איינער אז ער האט עס געטראפן.

ב) ערב שבת ראה האב איך פרובירט צו הייס מאכן די מקוה אבער עס איז נישט געגאנגען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען הייס מאכן פאר שבת, שכח אייבערשטער אז ממש פאר'ן זמן איז עס געלונגען צו הייס מאכן.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמן א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

### הערשי בוים נ"י וזוגתו שרה תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין דעם הייליג'ן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליג'ן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## נייעס אין שטעטל

### חידות אפטיילונג

גאר א שיינע נייע אפטיילונג איז געווארן צוגעלייגט צום בלעטל, יעדע וואך ווערט געפרעגט דריי שאלות וואס איז נוגע אין חסידות ברסלב ובפרט פאר אונז תלמידי היכל הקודש, וואס די מטרה פון דעם אפטיילונג איז צו אויפרישן פאר זיך און פאר די קינדער די היסטאריע פון הייליג'ן רבי'ן, רבי נתן און מוהרא"ש זי"ע, אזוי אויך צו אויפרישן די מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט.

דעם פארגאנגענעם דינסטאג איז פארגעקומען די ערשטע גורל פאר די ערשטע דריי שאלות וואס איז געפרעגט געווארן, דער גורל איז פארגעקומען אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי נ"י, דער מנהל ר' מרדכי אינדיג שליט"א האט איבערגעגעבן פאר דעם ראש ישיבה שליט"א - וואס איז פונקט דעמאלטס געקומען פאר א באזוך אין תלמוד תורה, צו מאכן די גורל בשעת אלע קינדער פון תלמוד תורה האלטן דאס מיט.

דער געווינער פון דעם גורל האט באקומען פון דעם ראש ישיבה שליט"א ספר עצתו אמונה חלק ב' אין וואס דער ראש ישיבה האט אריינגעשריבן אפאר חיזוק ווערטער.

יעדע דינסטאג מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועט פארקומען דעם גורל אין א אנדערע אפטיילונג פון מוסדותינו הקדושים.

### אומאן ראש השנה

אלע אינגעלייט אין שטעטל גרייטן זיך צו פארן אויף ראש השנה צום הייליג'ן רבי'ן אין שטאט אומאן אזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז געהייסן, אפילו די יאר איז אביסל שווערער צו פארן וועגן די פרשת הקאראנא, דאך גרייט מען זיך צו די נסיעה.

מען ארבעט יעצט אויס עס זאל זיין אין שטעטל א מנין אויף ראש השנה, די פרויען וואס ווילן מיטהאלטן די תפלות זאל קענען קומען אין שול, אזוי אויך ווער עס וויל הערן שופר בלאזן. עס ווערט ערווארטעט אז די פרויען אנשי שלומינו פון אנדערע געגענטער וועלן ווילן אויף ראש השנה אין שטעטל.

דא איז טאקע די פלאץ צו בעטן פון אלע חשובע פאמיליעס וואס זענען גרייט אריינצונעמען געסט אויף ראש השנה, זאלן זעהן צו איינלאדענען אנדערע משפחות אויף יום טוב.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל פועל'ן אלעס גוטס פאר דעם נייעם יאר תשפ"א - אין זכות פון טוהן חסד מיט אנדערע.

### נייע משפחות אין שטעטל

גאר א שיינער זומער ענדיגט זיך דעם קומענדיגן וואך, נאכדעם וואס מען האט געהאט די זכיה צו זיך אנזאפן מיט אזויפיל חיזוק און עצות פאר דעם קומענדיגן יאר וואס קומט, מען האט געהאט די זכיה צו אויפנעמען אסאך משפחות אנשי שלומינו פון אנדערע געגענטער וואס זענען געקומען פאר'ן זומער אין שטעטל צווישן דיביימער און גראז.

א גרויס חלק פון די משפחות וועלן מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף בלייבן וואוינען אין דעם הייליגן שטעטל, נאך דעם וואס זיי האבן געזעהן אז עס איז גאר א גוטע פלאץ פאר זיי ברוחניות ובגשמיות, ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך די וואך אויסגעדריקט: מען דארף שוין רופן דעם פלאץ "א שטאט" עס איז שוין נישט קיין שטעטל.

מיר האפן צום אייבערשטען אז דער ברסלב'ע שטעטל וועט ווייטער האבן גרויס הצלחה, וואס דאס וועט נאר זיין אויב עס וועט זיין אחדות צווישן אלע משפחות, אזוי ווי דער ראש ישיבה בעט פון אונז שטענדיג.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

## אויסנוּצְן דִי צַייט אִין קַאנְטְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**נוּץ אוֹיס דִי צַייט אִין קַאנְטְרִי מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת;** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "וֶוען דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי גְרָאז, ווִי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן... ווִי גוּט אוּן ווִי אֵיינְגֶענֶעם אִיז צוּ הֶערְן ווִי זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶרֶע לִידֶער"; מִיר הֶערְן טַאקֶע נִישְׁט ווִי דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וֶוען מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ צְווִישְׁן זֵיי, עֶס רֶעדְט זִיךְ מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא; מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: **"גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִפּוֹת".** מֶען זֶעט ווִי דֶער ס"מ הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, בִּפְרַט גְמָרָא, וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת; וֶוען זֵיי פְרֶעגְן דִיר אוֹיף אַ קְלֵייד צִי עֶס אִיז גוּט אָדֶער נִישְׁט מַאךְ זִיךְ נִישְׁט דֶעמָאלְט ווִי אַ נַאר וָואס וֵייסְט נִישְׁט, וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק דְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער. זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער וָואס מֶען זֶעט אַרוֹיס דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער; עֶס אִיז אַן עֶקֶל אוּן אַ גְרוֹיל צוּ זֶען ווִי הֵיימִישֶׁע וַוייבְּלֶעךְ דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט קְלֵיידֶער אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן לַייבּ, לֵיידֶער זֶע אִיךְ אַז בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ זֶענֶען דָא וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין. **הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן;** אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל שֵׁיינֶערְהֵייט פּוֹעֶל'ט מֶען, ווִידֶער אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט אִיז בַּיים סוֹף זֵייעֶר בִּיטֶער.

אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה אִין דֶעם עִנְיָן פוּן צְנִיעוּת.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווִי אִיךְ דַארְף דַיינֶע תְּפִילּוֹת אִיךְ זָאל הָאבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, בֶּעט פַאר מִיר.

**אַ גוּטְן טָאג אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן פוּן אוּנְזֶער חָשׁוּב'עֶ מְנַהֶלֶת מָרַת ... תְּחְיֶ' גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר.

אוֹיךְ הֶער אִיךְ פוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר; פוּן דַיינֶע גוּטֶע מִדּוֹת, פוּן דַיין גוּט הַארְץ ווִי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אוֹיךְ הֶער אִיךְ אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת.

ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אוֹיף דֶעם שֵׁיינֶעם וֶועג, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי וֶועלְט דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיךְ וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן יֶענֶע וֶועלְט דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען שְׂכַר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעצְט וֶוען מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין קֶעמְפּ צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן זֵיי אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.** אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, בִּפְרַט אוֹיף דִי חֶסֶד אַז מִיר וֵייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען, דִי עֵצָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט פְּחָדִים, דִּמְיוֹנוֹת, מַחְשָׁבוֹת רָעוֹת וְכוּ', וְכוּ'.

ווִי מֶער מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ טוּן דִי עֵצָה אַלְץ מֶער וֶוערְט דָאס לֶעבְּן בֶּעסֶער אוּן זִיסֶער.

זֶע צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

א) ווען האט דער הייליגער רבי געזאגט די לעצטע תורה?

ב) ווי לאנג האט מוהרא"ש זי"ע געלעבט?

ג) "פון געלט זאלט איר צו מיר נישט רעדן" וואו זאגט דאס דער הייליגער רבי?




דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד שמעון ראטה נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
די גורל פון פאריגע וואך וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) 38 יאר
ב) 24 יאר
ג) די דרייצענטע מעשה



סיום מסכת שבת בי' ראה נאכ'ן טעגליכן שיעור



עס קומט אן די ביעמס פאר'ן הדפסה בנין



רמב"ם שיעור אין פאליש פון בית המדרש